איז אמת טאקע ער זאגט אין דעם מאמר פון"ראו"פון לקו"ת, אז דאס איז בדוגמא פון לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה, וואס דאס איז דער לשון המשנה, איז דאך ניט דער פשט אז דארט פעלט עפעס, דארט איז אלץ דא, ווארום אז ניט הייסט דאס ניט ישנה לתלמידו, ער האט דאך עם געלערנט א טייל ניט אינגאנצן, און דא זאגט מען לערנען דארף ער עם לערנען, נאר וואס דען ער דארף אויסקלייבען א דרך קצרה.

וואס אזוי איז אויך בשעת ס'אראפגעקומען פנימיות התורה ווי דאס קומט אראפ בגלוי, ביז דאס קומט אראפ אין דעם הרחב הבנה והשגה ווי ביים מיטעלען רבי'ן, און דערנאך ווי דאס איז מאחד אין אלע חלקי התורה דורך דעם צמח צדק, איז אעפ"כ איז דאס דעמאלט אויך געווען בדרך קצרה, אין דעם גילוי שבזה, אין א אופן פון הערות וקיצורים און מראה מקומות וציונים און עיין'ס.

וואס דאס איז געגעבען געווארן על מנת דהפך בה והפך בה דכולא בה, ווארום דאס איז די דרך קצרה וואס האט אין זיך ארייגענומען כל העניינים, און דורך דעם הפך בה והפך בה באקומט מען דעם דכולא בה בגלוי, ביז עס ווערט דערנאך נמשך אין א אופן פון הפצה.

ביז דאס קומט אראפ אין ויהי ביום השמיני, ווי געררעדט היינטיקען שבת, אז דער צמח צדק טייטשט אין ויהי ביום השמיני אז דאס איז בדוגמת פון דעם כנור דלע"ל וואס וועט זיין של שמונה נימין. דערפאר וואס דעמאלט וועט זיין די גאולה האמיתית והשלימה.

און אויף ויהי ביום השמיני ברענגט דאך אראפ רש"י די דרשה פון גמרא און סדר עולם וכו', אז אותו היום נטל עשר עטרות, אז אין דעם ויהי ביום השמיני וועט מען נעמען די אלע עשר עטרות, וואס דאס ווי זיי ווערן נכלל ווערט דערפון מאה.

וואס דאס וועט זיין בקרוב ע"י הפצת לימוד התורה ופנימיות התורה במיוחד, וועט דאס אראפ קומען דער ומלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים.

ג. וואס דאס איז דאך בהנוגע הפצת תורתו פון בעל ההילולא, וואס דאס איז דאך פארבונדן, ס'איז דאך נעוץ סופן בתחלתן ותחלתן בסופן ווי דער סדר איז אין קדושה, ווי ער זאגט אין ספר יצירה, איז דאס פארבונדען מיט התחלת כניסתו לתורה.

ווי דער אלטער רבי פסקנ'ט אין הל' ת"ת פון דער ברייתא ומשנה הידועה, אז ווען ער ווערט בן שלש איז דעמאלט הויבט זיך אן דער לימוד התורה, איז ווי דער רבי דער נשיא דערציילט בארוכה, שוין אויך געדרוקט אין ספר השיחות ת"ש, אין די שיחות פון פסח, ווי אזוי ס'איז געווען אין די יונגע יארן, אין די יארן ווען דער צמח צדק איז נאך געווען גאר א קליינער בגשמיות.

און ער דערציילט דארטן, ווי אזוי ס'איז געווען כניסתו לחדר ולתורה ווען עס איז געווארן דריי יאר, און ווי ער איז דארט מסיים אז דער אלטער רבי וואס ער איז געווען דער מכניסו לתורה האט דערנאך געזאגט כשם שנכנס לתורה אזוי יכנס לחופה ולמעשים טובים.

דערציילט דארט דער רבי דער נשיא דער סדר ווי אזוי מ'האט אים ארייגעפירט אין חדר, און דערנאך האט דער אלטער רבי געהייסען דעם מלמד ער זאל מיט עם לערנען פרשה ויקרא, מיוסד וואס ער זאגט אין מדרש אז יבואו טהורים ויעסקו בטהורים, וואס דערפאר איז דאך דער מנהג אז מ'הויבט אן דעם לימוד פון ויקרא, וואס דאס איז געווען דאס וואס מ'האט מיט עם געלערנט, און דערנאך גלייך האט זיך אנגעהויבען וואס ער האט געלערנט, און ווי דער רבי דער נשיא דערציילט אין דעם סיפור - אז דער צמח צדק - וואס דאס איז געווען ווען ער איז געווען דריי יאר - האט גלייך געפרעגט ביים אלט'ן רבי'ן, פארוואס שטייט ויקרא מיט א קליינעם אל"ף?

האט זיך דער אלטער רבי פארדביק'ט, און דערנאך לאחרי הדביקות האט ער עס גענטפערט ווי עס שטייט די גאנצע אריכות, און ס'איז שוין געדרוקט דער תוכן הענין.

אז אדם הראשון וואס ער איז געווען יציר כפיו של הקב"ה, וואס דער אויבערשטער איז אויף איהם מעיד, און צו מלאכי השרת אז חכמתו איז גדולה מחכמתכם, במילא האט ער דאך אויך געוואוסט מעלת עצמו, האט ער זיך דערמיט איבערגענומען, איז ער דורך געפאלן אין חטא עה"ד.

משה רבינו וואס ער איז אויך געווען חכמה דקדושה, חכמה דאצילות און האט אויך געוואוסט מעלת עצמו, האט דאס אויף עם געפועל'ט ביטול וענוות ווי דער אויבערשטער איז אויף איהם מעיד והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה.

און האט דאס מסביר געווען - דער אלטער רבי - אז משה רבינו האט געטראכט, אז ער האט די מעלה וואס כל השביעין חביבין, שביעי לאברהם, און ער איז עמרם'ס זון, און האט די אלע כחות וואס מ'האט אים געגעבן שלא בידיעתו, איז ווען א אנדער איד וואלט דאס געהאט וואלט ער אויף געטאן א סאך מערער פון עם.

און דערפאר איז ער געווען - ווי דער אלטער רבי האט דעמאלט מסביר געווען - עניו מכל האדם אשר על פני האדמה. היפך ווי דאס האט געפול'ט אויף אדה"ר.

און דערפאר איז ביי אדה"ר, וואס ער איז דורך געפאלן מיט חטא עה"ד, שטייט א אל"ף רבתי אין דברי הימים. משא"כ ביי משה רבינו, וואס ביי אים האט דאס גע'פועל'ט אז פארקערט "עניו מכל האדם אשר על פני האדמה" שטייט דאס אין א ענין פון א אל"ף זעירא. וואס עד כאן איז דער ענטפער פון דעם אלטען רבי'ן.

וואס האט ארויסגערופן דעם תירוץ, האט דאס ארויסגערופן דער לשון הגמרא "תלמיד המחכים את רבו" והראי' דער אלטער רבי האט זיך געדארפט אויף דערויף דביק'ן און מתבונן זיין זיך, האט דאס ארויסגערופן דעם תחילת הענין פון "מתלמידי יותר מכולם" דאס איז געווען די כניסתו של הצ"צ אין תורה.

וואס לכאורה, אין דעם אלטען רבי'נס ענטפער איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק די שייכות צו דער קשיא. - דער צ"צ האט דעמאלט ערשט אנגעהייבן לערנען תורה, און די התחלה איז געווען אין ויקרא, במילא צו דברי הימים איז ער נאך ניט געקומען, וואס האט דער צ"צ געפרעגט, אז אלע אותיות שבתורה זיינען אין דער און דער מידה, און ער האט געזעהען אז דער אות איז א אל"ף זעירא. פון וואס הייבט אן דער אלטער רבי די גאנצע אריכות, אז ס'איז דא א ענין פון אדה"ר וואס ער איז גורם ע"י ענינים מ'זאל אים שרייבן מיט א אל"ף רבתי, משא"כ ביי משה רבינו איז געווען א אל"ף זעירא. וואס איז די גאנצע אריכות נוגע צו דעם קשיא פון צ"צ ובפרט אז ס'איז געווען קודם לימודו פון דעם ענין פון דברי הימים.

די קשיא ווערט נאך גרעסער, ומה בגנות בהמה טמאה לא דבר הכתוב, אעכו"כ אז מ'דארף פארענטפערן פארוואס ביי משה רבינו שטייט א אל"ף זעירא. איז וואס דארף מען זיך גיין פארשטעפען מיט אדה"ר. ס'וואלט געווען גענוג ווען דער אלטער רבי זאגט די צווייטע העלף, כאטש אפילו משה רבינו איז געווען חכמה דאצילות, און געוואוסט די מעלה, און ער איז געווען שביעי און געווען בן עמרם וכו' וכו' האט דאס אין אים גע'פועל'ט ענוה מכל האדם, אשר לכן שטייט א אל"ף זעירא.

נאר ווי בא יעדער ענין פון א נשיא, אעכו"כ בשעת דער נשיא פארנעמט זיך מיט חינוך, עאכו"כ ווען ער פארנעמט זיך מיט'ן חינוך פון א קינד וואס ער האט אויף זיך גענומען חינוכו מצד מס"נ פון די מוטער, - כידוע הסיפור אז זי האט זיך מוסר נפש געווען פאר דעם אלטען רבי'ן מס"נ בפועל, און דער אלטער רבי האט אויף זיך גענומען חינוכו פון איר זוהן, פון דעם צ"צ.

עאכו"כ אז דער סיפור ווערט נאך איבערגעגעבן מדור לדור, ביז אז א נשיא הייסט אז מ'זאל דאס אפדרוקען אז דאס זאל בלייבען א דבר קבוע לדורות.

איז דאך אין דערויף דא א תורה - מלשון הוראה, סיי פארן צ"צ, און סיי פאר כל הדורות שלאח"ז, ועד לדורנו זה.

און כדי די הוראה זאל זיין אויסגעהאלטן און א גאנצע מוז מען האבן אט-די הקדמה פון אדה"ר. ווארום אמת טאקע משה האט אט-די מעלה פון שביעי און בן עמרם וחכמה דקדושה וכו', אבער יציר כפיו של הקב"ה איז געווען איין און איינציקער מערניט ווי אדה"ר.

דער וואס איז געווען אין א וועלט - ווי די וועלט איז ניט ווי עצה"ד רירט אן די וועלט, איז דאס געווען מערניט ווי אדה"ר מיט חוה'ן. מיט - די עלו למטה שנים וירדו ארבעה - די קינדער זייערע, לויט דער דעת אז דאס איז געווען קודם החטא.

און אעפ"כ זאגט מען, אז מ'מוז דאס באווארענען אפילו אז מ'האט די אלע ענינים וואס לכאורה לאזען זיי ניט קיין ארט אז מ'זאל דורכפאלען, דאס איז יציר כפיו של הקב"ה, און וואס "מפי עליון לא תצא הרעות", ס'איז "הוא שלם ובריאתו שלם" ס'איז ניטא קיין ארט לאחיזה צו לעו"ז, און דאס רעדט זיך אידער מ'פאלט דורך, די וועלט האט נאך ניט דעם חטא עה"ד, במילא געפינט זיך קליפות ערגעץ וואו למטה, כמבואר בארוכה בכ"מ.

און אעפ"כ זאגט מען, אז אויב ער איז מכיר מעלת עצמו, וואס ברייגגט דאס?! אז ער פאלט דורך בזה, וואס דערמיט ווערט פארענטפערט נאך א ענין. לכאורה דאס וואס דער אלטער רבי ברייגגט אז עס שטייט דערפאר אויף אדה"ר, א אל"ף רבתי, איז דאך דאס א מעשה לסתור, אל"ף רבתי איז דאך אן אות אין תורה, און דאס איז גרעסער פון א אות בינונית, און ווי אזוי איז דער לשון פון אלטען רבי'ן, אז אדה"ר האט געוואוסט מעלת עצמו, און דורכגעפאלען אין חטא עצה"ד, און דערפאר שטייט א אל"ף רבתי, אז ס'וועלט כאטש געשטאנען דער סדר א אנדערער, אז אדה"ר האט געוואוסט מעלת עצמו, און דערפאר שטייט א אל"ף רבתי אין דברי הימים, און אעפ"כ, איז ער דורכגעפאלען, וואלט געווען פארשטאנדיק, אבער דער אלטער רבי זאגט ניט דעם סדר, ווען שטייט דער אל"ף רבתי אין דב"ה, נאך דערויף וואס ער איז שוין דורכגעפאלן אין עה"ד. וואס ווייס מען דערפון, אז אפילו נאך דערויף ווי אדה"ר איז דורכגעפאלן אין חטא עה"ד, קומען ניט אותיות בינונים צו אים, ער איז אויך דעמאלט א אל"ף רבתי.

און אט-דאס איז די הפלאה: אז לכאורה, אז וויבאלד ער איז מכיר מעלת עצמו, איז דאס אליבא דאמת, ווארום ער איז יצור כפיו של הקב"ה, און דער אויבערשטער איז מעיד "חכמתו גדולה מחכמתכם", - ווי דער אלטער רבי האט גע'זאגט אין דער תורה -. און נאך דערויף ווי ער איז דורכגעפאלען אין חטא עצה"ד שטייט ער נאך אלץ מיט א אל"ף רבתי, דער אדם פון דבר"ה, - און אעפ"כ איז ער דורכגעפאלען.

וואס אט-דאס באווארענט, אויף וויפיל מ'דארף זיך היטן פון הכרת ערך עצמו, אפילו אז דאס איז לאמיתתו, אויסהאלטען, ביז וואנעט אז דער אויבערשטער איז מעיד אז ער האט פון וואס צו זיין א אל"ף רבתי.

וואס דאס איז די הוראה לכאו"א בעניננו: אז יעדער איד - מה דאך אז "פושעי ישראל מלאי מצות כרמון", עאכו"כ "לא בשופטני עסקינן", "עמך כולם צדיקים", איז דאך זיכער אז זיי האבן געוואלדיקע ענינים ע"פ תורה, וואס דער אויבערשטער איז מעיד, אז ס'קאן זיין מכירים ערך עצמם, און ס'איז דא פון וואס צו האלטען, איז דא גיט מען די הוראה אז ס'איז געווען יצור כפיו של הקב"ה, און ער האט געוואוסט אז דער אויבערשטער איז געוויס, חכמתו גדולה מחכמתכם, און האט געוואוסט אז ער איז א אל"ף רבתי, כ"ש, מה דאך אז לאחר ווי ער איז דורכגעפאלן איז ער א אל"ף רבתי, עאכו"כ פאר דעם, און אעפ"כ איז ער דורכגעפאלען, און אין וואס - אין חטא עה"ד, און ווי ער זאגט "גרם לו ולזרעו ולזרעותיו עד סוף כל הדורות".

און אט-דערפאר זאגט מען, אז ס'קומט דער היפך מזה, וואס דאס איז דער ענין פון משה, וואס ווען קומט ער לאחרי אז מ'דארף מתקן זיין דעם אדה"ר,

וואס לכאורה איז דאך דאס דעמאלט ניט קיין פלא אויף משה'ן, נאך דערויף ווי משה האט געזעהען וואס האט געטראפען מיט אדה"ר, איז וואס איז אזוי דער פלא אז משה איז ניט דורכגעפאלען. אז מ'האט שוין געזעהען וואס איז די תוצאה?

זאגט מען, אז בא משה'ן איז געווען ניט נאר אט דער ענין וואס ער האט פון זיך ניט געהאלטען, נאר ס'איז געווען "ענין מכל האדם אשר על פני האדמה", ער האט געהאלטען אז יעדער איז גרעסער, דאס איז גאר א באזונדער ענין אין עבודה, - ווי מ'זעט לדאבוננו ולצערינו, אז יענער איז זיך מבטל, אדער מ'איז אים מבטל קאן ער דאס פארטראגען, מ'זאל אים נאר זאגן, אז זאלסט וויסן אז דער איז גרעסער פון דיר, דארט צינדט זיך אן דער פייער - איך בין טאקע קיין מציאות ניט, אבער יענער איז נאך מערער קיין מציאות ניט, דאס איז א זאך וואס איז אים לייכטער צו מקבל זיין, מקבל זיין אויף זיך, אז ער איז קיין מציאות ניט און יענער איז יע א מציאות, דא איז א באזונדער סדר אין עבודה.

דאס וואס משה רבינו ע"ה איז ניט דורכגעפאלען, וואס איז דא דער פלא, בשעת דער אלטער רבי דערציילט די השתלשלות הענינים, אז משה רבינו האט געוואוסט אט-דאס וואס איז געטראפען מיט אדה"ר, במילא איז קיין פלא ניט וואס ער איז ניט געווען קיין אל"ף רבתי. בא משה רבינו איז אבער געווען דער חידוש, אז ער איז געווען "ענין מכל אדם אשר על פני האדמה", אז וועלכען אידען ער האט ניט געטראפען, - ווי דער אלטער רבי שרייבט אין מאמר, וואס איז שוין געדרוקט "ויספו ענוים בהוי' שמחה. שרייבט ער דארט נאך א געוואלדיקן ענין, "אפילו לגבי א גוי להבדיל. איז ער אויך געווען א ענין, אט-דאס איז "מכל האדם אשר על פני האדמה", - ווי תוס' איז מדייק, אז אדם, איז אתם קרויים אדם אבער אז עס שטייט האדם, איז דאס כולל אויכעט א גוי.

און אט-דאס איז וואס איז געווען בא משה רבינו, אז ער האט געוואוסט, אז ער איז דער שביעי און בן עמרם, און די אלע מעלות, - ווי דער אלטער רבי רעכנט זיי אויס, און וויבאלד אז ס'איז געקומען נאך אדה"ר איז קיין פלא ניט וואס ער איז געווען ע"ד ווי אדה"ר וואס ער האט מכיר געווען ערך עצמו, משה רבינו האט אבער באוויזן א קצה השני, דערפאר וואס בא אים שטייט ניט קיין אל"ף בינוני, נאר ביי אים שטייט א אל"ף זעירא, פארוואס האט ער זוכה געווען צו די אל"ף זעירא, דערפאר וואס ענין מכל האדם אשר על פני האדמה, פונקט ווי ער האט געזעהען אין זיך דעם"ניט", אזוי האט ער געזעהען אין יענעם דעם ענין הטוב שבו. און אין וועמן האט ער אויסגעפונען דעם טוב, בכל האדם אשר על פני האדמה, און טאמער האט ער אין יענעם גארניט געקאנט געפינען די גדלות וואס ער האט געזעהען אין זיך, האט ער גע'טענה'ט, אז דאס איז דערפאר וואס מ'האט אים ניט געגעבן קיין כוחות מלמעלה, ס'איז ניט יענעם'ס שולד.

און אט-דא קומט צו נאך א חידוש, לכאורה לויט דעם גאנצען ביאור קומט דאך אויס, אז אדה"ר איז א אל"ף רבתי, און משה רבינו איז א אל"ף זעירא, וואס לויט דעם צוכן פון דעם אלטען רבי'ן איז דאך די מעלה ביי משה'ן, ניט ביי אדה"ר און דא זעט מען, אז אין תורה שטייט מיט א אל"ף רבתי, און דא שטייט מיט א אל"ף זעירא.

נאר אט-דאס איז דער אופטו, אט-דאס וואס ער זאגט אין זוהר, און דער רבי דער נשיא איז דאס מבאר בארוכה, אין איינע פון זיינע מאמרים ושיחות, אז ער זאגט אין זוהר, "מאן דאיהו זעיר איהו רב, ומאן איהו רב איז איהו זעיר". אט-דאס וואס אדה"ר איז א אל"ף רבתי, מאן דאיהו רב, איז לאמיתתו של ענין איז איהו זעיר, ומאן דאיהו זעיר, איז דער ענין רב.

וואס אט-דאס איז פארבונדן דערמיט וואס ער הויבט אן פריער, אז משה איז חכמה דקדושה, וואס חכמה האט דאך ניט קיין כלי, וואס דערפאר ווערט דאך דאס אנגערופן בשם איהו וחיוהי, ניט גרמוהי, וואס לכאורה וויל איז שייכות זאגן אז ס'איז גאר קיין כלי ניט, אויב אזוי פארוואס הייסט זי חכמה, ובפרט לויט דער שיטה אז אורות פשוטים, פון ווערן זיי דערפאר וואס ס'איז דא כלים וואס זיי זיינען זיי מגבילים ונותנים להם ציור, נאר די כלי פון חכמה איז אזא מין כלי, וואס די כלי איז אויכעט חיוהי, וואס בשעת דאס דארף א ראפקומען איז תושב" , עפעס דארף דאך זיין געשריבען, שטייט דאס אין די קלענסטע אות וואס עס קאן זיין, וואס דאס איז ניט קיין אות בינוני, נאר דאס איז דוקא א אות זעירא.

און אין דער מאן דאיהו זעירא, אט-דאס איז דער איהו רב, דאס איז דער ענין החכמה - ווי גערעדט פריער - וואס ער זאגט אין מאמר, ביו"ד נברא העוה"ב, אז דאס איז דער יו"ד, וואס דאס איז ענינו פון חכמה דאצילות, וואס דאס איז ענינו של משה.

ס'איז דאך אין יעדער ענין קומט דאך ארעפ א הוראה בפועל, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין תניא, אז משה רבינו איז סאקע דער רעי' מהימנא, און דער ענין פון חכמה דקדושה, אבער דאס וואס ס'איז אנגערופען בשם רעי', איז דאס אזוי ווי א רועה וואס ער איז ממשיך לצאן מרעיתו, וואס דערנאך זאגט מען אויף יעדער אידן דא בפועל, אז וויבאלד אז לגבי משה מילתא זוטרתא היא, איז מילתא זוטרתא לגבי יעדער אידן, אויף וועמען זאגט "מה הוי' אלקיך שואל מעמך" וואס דאס זאגט מען צו יעדער אידן.

וואס אט דאס איז אויך די ביידע הוראות דא בא יעדער אידן: יעדער איד איז יציר כפיר של הקב"ה, נאר וואס דען ניט בגשמיות, נאר וואס דען ברוחניות "חלק אלוקה ממעל ממש", וואס דערפאר איז דא "אתם קרויים אדם", שטייט דאך דאס עפ"ד אויף יעדער אידן, ביז וואנעט אז דערפון קומען ארויס די ענינים הלכה וואס איז פארבונדן מיט די פלוגתא פון רשב"י ורבנן.

און יעדער איד האט אין זיך משה רבינו, - ווי ער זאגט אין תניא - און אט-דא איז דא די צוויי ענינים וואס מ'דארף באווארענען, אז אמת טאקע ער דארף מכיר זיין מעלת עצמו, ווארום ער איז יצור כפיו של הקב"ה, און חכמתו גדולה מחכמתכם, וואס דאס איז דאך ארעפגעקומען פון אדה"ר לזרעו ולזרעיתו, ביז וואנעט אז מ'זאגט דאך, אז וואס איז געווען ביי אדה"ר די חכמה וואס ער האט געוואוסט די שמות. כל אשר יקרא האדם שם, נפש חי' הוא שמו, ונפש חי' הוא שמו, ווי דער מגיד טייטשט דאס אפ, אז וואס איז דער חיות פון דעם נפש, איז דאס דער "שמו אשר יקרא לו אדה"ר", אט-אזוי איז דאס בכאו"א, איז וועז דער אויבערשטער בענטשט אים, און ווערט געבענטשט מיט קינדער, איז אט-דעמאלט - ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל, איז מלמעלה גיט מען אים דעם רעיון, ער זאל געבן אט-דעם שם, אשר יקרא לו האדם נפש חי' הוא שמו, וואס דאס גיט מען ניט קיין מלאך דאס גיט מען דוקא א נשמה, איז דאך א משמעות אז א מלאך קאן דאס ניט פארנעמען, און א נשמה איז א כלי אויף דעם.

און אט-דאס איז ביי יעדער אידן, און עכ"פ תורה קאן שטיין א אל"ף רבתי, און ער דארף אבער וויסן זיין, אז ער האט אין זיך דער משה רבינו, וואס משה רבינו האט מתקן געווען דעם חטא עפ"ד, וואס דערפאר איז דאך "זכרו תורת משה עבדי", בשעת מ'האטגעגעבן תורה אויף מ"ת איז פסקה זוהמתו - אויס חטא עה"ד, איז דארטן דארף זיין דער סדר, ניט נאר אז ער איז ניט קיין אל"ף רבתי, ניט נאר ער איז ניט קיין אל"ף בינוני, נאר ער איז א אל"ף זעירא, און דורך וואס קומט דאס ארויס, דורך דעם וואס "עניו מכל האדם אשר על פני האדמה".

וואס אט-דאס קען מען אויכעט זאגן בדרך אפשר, - דער המשך הסיפור דארטן: וואס דער אלטער רבי האט דעמאלט געזאגט, אז נאך דערויף ווי ער האט דאס געגטפערט דעם צ"צ האט ער דערנאך געזאגט דעם מאמר אויף "אדם כי יקריב מכם", וואס ווייזט אויס אז דאס מיינט מען דעם מאמר וואס איז געדרוקט אין לקו"ת, וואס דער תוכן פון דעם פסוק איז דאך: אז ס'האט דאך געדארפט שטיין, "אדם מכם כי יקריב קרבן",

און עס שטייט אדם מכם כי יקריב, אז די הקרבה דארף זיין מכם, פון זיך, און דאס שטייט דוקא דער לשון אדם, ניט "גבר" ניט "איש" וכו', איז אפילו וויסענדיק אז ער איז במעלת פון אדם, דעמאלט דארף זיין די ערשטע זאך מכם כי יקריב, און וואס פאר א קרבן, דער קרבן עולה וואס ער איז כליל להוי'.

ד. וואס כניסתו לתורה פון דעם צ"צ, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז פארבונדן מיט די כניסה פון נפש הקדושה, שלו, וואס דאס איז דאך בלידתו, און אויכעט דערנאך אין יום המילה, - ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין מהדורא תניא אין שו"ע שלו.

וואס כדי צו וויסן וואס דעמאלט איז געווען, איז דאך פארשטאנדיק אז מ'קאן דאס וויסן פון דעם מאמר וואס דער אלטער רבי האט דעמאלט געזאגט בקשר עם זה.

וואס פון וואנעט ווייס מען אז דאס איז בקשר עם זה? ווייס מען דאס פון דעם ווארט פון צ"צ גופא, וואס ס'איז דאך דא אין די רשימות פון דעם רבי'ן דעם נשיא, און שוין אויכעט געדרוקט, אז דער צ"צ האט געזאגט: אז זיין ערשטער ר"ה בעלמא דין, וואס דאס איז געווען ר"ה תק"ן, האט דער אלטער רבי געזאגט דעם מאמר "משביעין אותו תהי צדיק" וואס דער תוכן המאמר איז געווען די ערשטע דריי פרקים פון תניא.

וואס דער צ"צ איז דאך געבארען געווארן ערב ר"ה, איז דאך גלייך לאחרי לידתו איז געווען דער מאמר, און ווי דער צ"צ איז מדגיש אז דאס איז זיין ערשטער ר"ה. וואס א ר"ה פון א אידן איז דאך דאס וואס דעמאלט אני היום ילידתיך, און בכלל איז דאך ניטא ענינים במקרה, בפרט נאך אז דער צ"צ איז דאס מדגיש, אז זיין ערשטער ר"ה האט געזאגט דער אלטער רבי, אט-דעם מאמר, איז דאך א סימן אז ס'איז דא א שייכות צווישן די צוויי ענינים.

וואס אין וואס באשטייט דער מאמר, דא זעט מען גלייך דעם ענין פון צ"צ, אז דער ערשטן פרק פון תניא הויבט זיך אן מיט תושבע"פ, מיט א מאמר - תניא, און דערנאך ברענגט ער דארטן א משנה און גמרא און א פסוק אין חומש, פסוקים אין תושב"כ, סיי אין תנ"ך, און א זוהר, און א רעי' מהימנא און א מדרש, און א עץ חיים, אט-די אלע חלקי התורה זיינען גלייך אריינגעשטעלט אין די התחלה, אין דעם ערשטן פרק פון תניא. וואס אין די אנדערע פרקים אין תניא געפינט מען ניט די ענינים אז זאלן זיין אלע צוזאמען געשטעלט. אויף אזוי פיל אז "נפשות אוה"ע" ווערן אויכעט אריינגעשטעלט אין דעם ערשטן פרק פון תניא. גלייך אין דער התחלה פון דעם מאמר. עאכו"כ פון דעם נפש שפל ונבזה, און ווי ער רעכנט אויס גלייך אין דעם ערשטן פרק פון תניא, די אלע פינף חלוקות וואס זיינען דא בא אידן, וואס זיי זיינען כולל אלע אידן פון דעם קצה העליון ביז דעם קצה התחתון, און אויכעט אריינגעשטעלט פסקי הלכות, ווי ער ברענגט דארטן, ווער ווערט אנגערופן בשם זה אדער בשם זה, וואס דאס איז דאך נוגע לדינא, צו נאמען לעדות, אט-די אלע פרטים וואס ס'קאן זיין אין תורה, אין פשט און רמז און דרוש און סוד, און אין מדרש און אין מעשה, איז דאס אלץ אריינגעשטעלט אין די תורה וואס איז געזאגט געווארן בגלוי.

וואס דאס איז דאך געווען די ענינים פון צ"צ בגלוי, ווען ער האט אנגעהויבן ארבעטן עבודתו בזמן הנשיאות שלו.

וואס דערפאר איז ווען ער האט געטראכט ווי אזוי צו שרייבן דעם סדר פון די תוארים אויף דעם צ"צ, האב איז זיך געכאפט אז דעם ערשטן תואר וואס דער אלטער רבי האט אים געגעבן איז "משביעין אותו תהי צדיק", וואס דאס איז דער ערשטער תואר וואס ער האט געהאט פון נשיא, וואס ער איז אויך געווען "תחת אבותיך יהיו בניך", - "עטרת זקנים בני בנים".

אט-דאס איז געווען דער ערשטער משביעים אותו תהי צדיק, און דערנאך איז ערשט געקומען אט-דאס וואס ער איז געווען דער בוצין בוצין מקתפיה ידיע, די גאונות שלו, דערנאך איז געווארן דאס, ע"ד ווי דער אלטער רבי איז געווען דער סדר, אז פריער איז ער געווען א שלי"ה איד, - ווי דער רבי דער נשיא דערציילט -, און דערנאך